אינמיטן פֿון די פֿיר חיות זאָגן: אַ מאָס ווייץ פֿאַר
אַ דינר, און דריי מאָס גערשטן פֿאַר אַ דינר; און
דאָס אייל און דעם וויין זאָלסטו נישט שעדיקן.
7 און ווען ער האָט געעפֿנט די פֿערטע חתימה,
האָב איך געהערט דאָס קול פֿון דער פֿערטער חיה
8 זאָגן: קום! און האָב געזען, און אָט אַ בלייך־גרין
פֿערד; און דער, וואָס איז געזעסן דערויף, זיין
נאָמען איז דער טויט; און דאָס שאול־תּחתּיה איז
אים נאָכגעגאַנגען. און עס איז זיי געגעבן געוואָרן
רשות איבער אַ פֿערט חלק פֿון דער ערד, צו
טייטן מיט דער שווערד, און מיט הונגער, און מיט
דעם טויט, און דורך די ווילדע חיות פֿון דער ערד.
9 און ווען ער האָט געעפֿנט די פֿינפֿטע חתימה, האָב
איך געזען אונטער דעם מזבח די נשמות פֿון די
געשחטענע צוליב ג־טס וואָרט און צוליב דאָס
10 עדות, וואָס זיי האָבן געהאַט; און זיי האָבן געשריגן
מיט אַ הויך קול, אַזוי צו זאָגן: ביז ווען, אָ האַר,
הייליקער און וואָרהאַפֿטיקער, וועסטו נישט משפּטן
און זיך נישט נוקם זיין פֿאַר אונדזער בלוט פֿון די
1 איינוואוינער אויף דער ערד? און עס איז זיי געגעבן
געוואָרן, יעדן איינעם, אַ ווייס קלייד; און עס איז
זיי געזאָגט געוואָרן, אַז זיי זאָלן נאָך רוען אַ קליינע
צייט, ביז עס וועט זיך אָנפֿילן (די צאָל) אויך
פֿון זייערע מיטקנעכט און זייערע ברידער, וועלכע
וועלן אומגעבראַכט ווערן, ווי זיי.
2 און איך האָב געזען, ווען ער האָט געעפֿנט די
זעקסטע חתימה, און עס איז געוואָרן אַ גרויסע
ערדציטערניש; און די זון איז געוואָרן שוואַרץ
ווי אַ זאַק פֿון האָר, און די גאַנצע לבנה איז געוואָרן
3 ווי בלוט; (יואל ב׳, י׳) און די שטערן פֿונעם הימל זענען
אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער ערד, ווי אַ פֿייגנבוים